# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

פרשת מצורע תשפ"ב שנה ט | גליון מס' 428



בני אמונים
מתחזקים בעניית אמן
לע"נ הרה"ח ר' חיים בן ציון
בהרה"ח ר' אהרן צבי מרמורשטיין זצ"ל
נפטר יג' אלול תשס"ג

ת.ד 102 בני ברק
פקס : 03-5055919
9139191@gmail.com


## פניני אמונים

פערל ווערטער אויף תפילה אין די פרשה

### 'ביום טהרתו' קומט צוריק די תורה צו אים

**"זֹאת תִּהְיֶה תּוֹרַת הַמְּצֹרָע בְּיוֹם טָהֳרָתוֹ וְהוּבָא אֶל הַכֹּהֵן"** (יד ב)

די חכמים (ערכין טו ב) זאגן אז צרעת קומט אויפן מענטש צוליב די זינד פון לשון הרע, און דאס איז מרומז אין די ווארט 'המצורע' וואס שטייט אין דער פסוק, וואס מען קען עס טייטשן ווי צוויי ווערטער: 'המוציא רע' (ראה של"ה מס' פסחים אות שלו).

עס זענען באקאנט די ווערטער פון **'חובות הלבבות'** (שער הכניעה ז) אז דער וואס רעדט לשון הרע אויף זיין חבר, די זינד פון דער וואס מען האט בארעדט גייט אריבער צו דעם וואס האט גערעדט, און זיינע זכותים גייען אריבער צו דעם וואס מען האט בארעדט. מיט דעם טייטש דער קוזיגלובער רב **רבי אריה צבי פרומער** הי"ד דעם פאלגענדן פסוק: "זֹאת תִּהְיֶה תּוֹרַת הַמְּצֹרָע" פון ווען וועט די תורה און זכותים פון דער 'מוציא רע' בלייבן ביי אים, און נישט אריבערגיין צו א צווייטן? "בְּיוֹם טָהֳרָתוֹ" - אין דער טאג וואס ער וועט תשובה טון און אויפהערן רעדן אויף אנדערע.

דער **'ויגד יעקב'** פון פאפא טייטש לויט דעם וואס מיר זאגן ביי די 'על חטא': "על חטא שחטאנו לפניך ביודעים ובלא יודעים". 'חטא ביודעים' מיינט די זינד וואס מיר האבן אליין געזינדיגט און מיר ווייסן פון זיי. אבער 'בלא יודעים' מיינט אזעלעכע זינד פון דער וואס מיר האבן אויף אים גערעדט לשון הרע, וואס ווערט פאר אונז גערעכנט, אבער מיר ווייסן נישט וואס זענען די זינד.

'ארץ צבי'; 'ויגד יעקב' מועדים א דרוש טז

### די תקנה פון די וואס רעדן לשון הרע

**"זֹאת תִּהְיֶה תּוֹרַת הַמְּצֹרָע בְּיוֹם טָהֳרָתוֹ וְהוּבָא אֶל הַכֹּהֵן"** (יד ב)

ווי באקאנט איז צרעת א שטראף אויף לשון הרע, און די חכמים זאגן אז די תקנה פון די וואס רעדן לשון הרע, איז אנגעהאנגען אין זייער דרגה: "אויב ער איז א תלמיד חכם - זאל ער עוסק זיין אין תורה... און אויב ער איז א עם הארץ - זאל ער זיך קליין האלטן" (ערכין טו א).

דער **'פרדס יוסף'** זאגט אז די צוויי אופנים פון תשובה זענען מרומז אין די תפילה 'אלקי נצור' וואס ווערט געזאגט ביי די ענדע פון 'שמונה עשרה'. אין אנהויב בעטן מיר: "אלוקי נצור לשוני מרע" מיר זאלן אינגאנצן נישט נכשל ווערן אין לשון הרע. און ווייטער בעטן מיר אז אויך אויב מיר זענען חלילה נכשל געווארן זאלן מיר זוכה זיין עס פאררעכטן דורך: "ונפשי כעפר לכל תהיה" - פאר א עם הארץ, און "פתח לבי בתורתך" - פאר א תלמיד חכם.

'פרדס יוסף' ויקרא יג א

### צוויי וועגן אויף די ישועה

**"זֹאת תִּהְיֶה תּוֹרַת הַמְּצֹרָע בְּיוֹם טָהֳרָתוֹ וְהוּבָא אֶל הַכֹּהֵן; וְרָאָה הַכֹּהֵן וְהִנֵּה נִרְפָּא נֶגַע הַצָּרַעַת מִן הַצָּרוּעַ"** (יד ב-ג)

האדמו"ר **רבי יששכר דוב פון בעלזא** זאגט:

א צדיק וואס האט געדאווענט אויף די רפואה פון א קראנקן און זיין תפילה איז אנגענומען געווארן, זאל ער נישט האלטן ביי זיך אז זיין תפילה האט אויפגעטון, נאר ער זאל עס אנהענגען אין די זכותים פונעם קראנקן. פון די צווייטע זייט, אויך דער קראנקער זאל נישט אנהענגען זיין ישועה אין זיינע זכותים, נאר אין זכות פון די תפילה פונעם צדיק.

די תורה איז דאס מרמז אין אונזער פסוק: "זֹאת תִּהְיֶה תּוֹרַת הַמְּצֹרָע בְּיוֹם טָהֳרָתוֹ" - ווען ער וועט אויסגעהיילט ווערן פון זיין קראנקייט, "וְהוּבָא אֶל הַכֹּהֵן" - זאל ער אנהענגען זיין רפואה אין זכות פון צדיק. און פון די צווייטע זייט: "וְרָאָה הַכֹּהֵן" - אויך דער צדיק וואס זעט: "וְהִנֵּה נִרְפָּא נֶגַע הַצָּרַעַת", זאל ער עס נישט אנהענגען אין זיין זכות, נאר "מִן הַצָּרוּעַ" - אין זכות פונעם קראנקן.

'מהרי"ד מבעלזא'

## פתחו שערים

די ווארט פונעם גרינדער און נשיא פון 'בני אמונים'

### 'בית הלוי ברכו את ה"

ווען מיר אלע וועלן זיך אראפזעצן צום 'סדר-נאכט' הבעל"ט, וועט ארויפקומען אויף מיין זכרון די זיבעטע יארצייט פון מורי ורבי הגאון רבי שמואל הלוי וואזנער זצ"ל, וואס איז אנגענומען געווארן ביים גאנצן אידנטום אלס "פוסק הדור", און איז באקאנט אלס בעל שו"ת 'שבט הלוי'.

איך דאנק השי"ת אויף דעם גרויסן זכות וואס איך האב זוכה געווען זיך צו שיצן אין זיין שאטן, און געניסן פון זיין נאענטקייט. א ציטער פון התרגשות גייט אדורך אין מיר שטענדיג ווען איך טון מיך דערמאנען ווי אזוי ער האט מיך אויפגענומען מיט זיין שטראלדיגן געזיכט, און מיט א געוואלדיגע ליבשאפט האט ער מיר שטענדיג געפרעגט: "וואס הערט זיך מיט דיין גרויסע מצוה?"

עס איז נישטא קיין ווערטער צו שילדערן די געוואלדיגע חיזוק און מוט וואס איך האב זוכה געווען צו באקומען פון די באגלייטונג און הדרכה וואס ער האט מיך געגעבן אויף די חיזוק אקטיוויטעטן וועגן די מצוה 'אמן' וואס איך האב גענומען אויף מיר לויט זיין ראט און מיט זיין חיזוק, אזוי ווי ער האט באפוילן.

איך דערמאן מיך יעצט ווי אזוי האט אויסגעקוקט ווען ער האט ערשיינט צו דעם כינוס היסוד פון 'בני אמונים', צוזאמען מיטן ראש ישיבה הגראי"ל שטיינמאן זצ"ל. זיינע שטארקע ווערטער איבער די גרויסע מעלה פון דעם מנהג צו זאגן ברכות השחר מיט א חברותא זענען נאך איינגעקריצט אויף מיין הארץ, און דאס זענען געווען זיינע ווערטער:

**"א פריערדיגער מנהג איז געווען איינגעפירט אין כלל ישראל, צו זאגן די ברכות השחר איינער פארן צווייטן, ווען אלע פלעגן זאגן די ברכות צוזאמען, איינער האט געזאגט און זיין חבר האט געענטפערט אמן, און נאכדעם האבן זיי זיך געטוישט, דער צווייטער האט געזאגט די ברכות און דער ערשטער האט געענטפערט אויף זיינע ברכות. דער מנהג איז פארגעסן געווארן אין די לעצטערע צייטן, און אונזער חשובער ידיד רבי יעקב דוב מארמארשטיין הי"ו [עס איז מיר א גרויסע זכות אז מיט זיין געוואלדיגע ענוה האט ער מיך אנגערופן 'ידיד'], האט זוכה געווען אנכאפן די עץ החיים פון זיכוי הרבים, מיט זיינע פעולות מחזק זיין דאס ענטפערן אמן, און וויל אויפלעבן און גרינדן פון דאסניי דעם פריערדיגן מנהג, אין א בחינה פון (שבת קד א): "שכחום וחזרו ויסדום".**

ער האט צוגעלייגט און ציטירט: "אין ספר חסידים (רסא) ווערט געברענגט אז א מצוה וואס איז פארלאזט און האט נישט ווער עס געבט זיך אפ מיט דעם, איז אין א בחינה פון א 'מת מצוה', **און אויף דער מענטש ליגט זיך צו מחזק זיין אין דעם און דוקא די מצוה אנהאלטן"**.

זיינע שטארקע ווערטער, וואס זענען געווען דער גרונד-שטיין פון אלע בני אמונים אקטיוויטעטן, האבן אויפגעטון, אז חפץ ה' בידינו הצליח, היינט צו טאג מיט א בליק אויף מער ווי צען יאר אויף צוריק, אסאך מענטשן האלטן ב"ה אן דעם מנהג, און מען קען זאגן, אז אין אסאך שולן און ביי אסאך טויזנטער אידן איז עס שוין נישט בגדר 'מת מצוה'. אבער אוודאי עס ליגט נאך אסאך ארבעט פאר אונז, דאס אידישע פאלק דארף אין די צייטן מער חיזוק אין אמונה און אין תפילה, און הלואי זאלן מיר זוכה זיין אז זיין גרויסע זכות זאל אונז ביישטיין צו קענען פארזעצן און טון לויט זיין גרויסן גייסט, מיר זאלן מקיים זיין "ונרוממה שמו יחדיו" אויף דעם העכסטן אופן. אמן.

א גוט שבת

יעקב דוב מארמארשטיין

# א באגעגעניש נאך פופציג יאר

אין עלטער פון אכציג יאר, און אקעגן אלע שאנסן, האט רבי דוד כהן זיך ארויסגעלאזט פון שטאט 'קדימה' אויף א שווערע און אומזיכערער רייזע פון זוכן. אסאך קולות האבן אים פרובירט אפצושרעקן פון דער רייזע, סיי צוליב נישט האבן קיין גרויסע האפענונגען, סיי צוליב זיין שוואכע געזונטהייט, אבער אן אינעווייניגסטע שטימע האט אים געשטופט צו איגנארירן די קולות, און ארויסגיין אויף אן אומבאקאנטן רייזע.

די שרעקליכע ווייטאג וואס האט אים נישט אפגעלאזט אפילו איין טאג האט אים נישט געלאזט טראכטן אנדערשט, אין לויף פון אלע יארן וואס זענען פארביי האט ער אינוועסטירט זיין גאנצע לעבן צו טון פאר הונדערטער אידישע קינדער אין די ראם פון די ערליכע מוסדות וואס ער האט אויפגעשטעלט אין שטעטל 'קדימה', וואס געפונט זיך אין די 'שרון' געגנט, אבער פון צייט צו צייט האט ער זיך דערמאנט פון זיין ווייטאג, און געטראכט אז עס קען זייער מעגליך זיין, אז שפרה'לע זיין עלטסטע טאכטער ווארט נאך אויף אים.

די געשטאלט פון שפרה'לע, די פיצל בעבי וואס איז געבוירן געווארן פאר אים און זיין ערשטע ווייב ע"ה אין די צייט פון דער צווייטער וועלט'ס קריג, האט ער נישט געקענט פארגעסן. ר' דוד, א ראמענישער געבוירענער, האט דעמאלט געוואוינט אין שטעטל טשערנאוויץ אין דער בוקאווינער געגנט, וואס איז דעמאלטס געווען אונטער די דייטשן. אינמיטן מלחמה האט ער חתונה געהאט מיט א ארטיגע ערליכע פרוי. זיין גליק האט אבער נישט געדויערט לאנג, ווייל עטליכע חדשים נאך דער געבורט איז זיין יונגע פרוי געשטארבן און ער איז געבליבן אליין מיט די בעבי.


די שטאט טשערנאוויץ אין אוקריינא

א צייט שפעטער האבן די רוסן איינגענומען טשערנאוויץ און ארויסגעטריבן אלע פרעמדע בירגער, צווישן זיי ר' דוד. ער האט זיך געבעטן מיט טרערן, זיי זאלן אים ערלויבן מיטנעמען זיין טאכטער, אבער ער האט געטאפט א וואנט, ווייל זי איז געווען רעגיסטרירט אויף די נאמען פון זיין געשטארבענעם פרוי. נישט האבנדיג קיין ברירה האט ער איר איבערגעלאזט ביי זיין קרובה וואס האט צוגעזאגט זיך אפגעבן מיט איר ביז ער וועט קענען צוריק זיך פאראייניגן מיט איר.

ר' דוד איז צוריק קיין ראמעניע און זיך פאראייניגט מיט זיין משפחה. נאכן מלחמה האט ר' דוד געוואלט זיך פארבינדן מיט זיין טאכטער, אבער ער האט אנטדעקט אז די גרענעצן זענען פארמאכט געווארן דורך די רוסן מיט א "אייזענער פארהאנג", און ביז די מצב וועט זיך נישט ענדערן וועט ער זיך נישט קענען פאראייניגן מיט זיין טאכטער.

דערווייל האט רבי דוד חתונה געהאט א צווייטן מאל, אבער זיינע שוועריקייטן האט זיך נישט געענדיגט. זיין עלטסטער זון, וואס איז אים געבוירן געווארן פון די דאזיגע חתונה, איז צוטרויטן געווארן אין עלטער פון צוויי יאר. מיטן אויבערשטנ'ס הילף האט ער געהאט נאך א זון, און אין יאר תש"י איז אים געלונגען צו באקומען וויזעס קיין ארץ הקודש, ביים אנקומען האט מען זיי צוגעטיילט א ארימע וואוינונג אין שטעטל 'קדימה', נאך א שטיק צייט איז אים געבוירן געווארן נאך א זון און די פאמיליע איז אריבער וואוינען אין א געהעריגע הויז.

וויבאלד דאס אידישקייט און דער אידישער חינוך אין קדימה איז ליידער געווען אין א שלעכטן צושטאנד, האט ר' דוד אריינגעלייגט אלע זיינע כוחות צו ענדערן דעם מצב לטובה. נאך אומבאשרייבליכע מי' איז אים געלונגען אויפצובויען א גרויסער און פרעכטיגער שול, און נאכן צוקוקן צופרידערנערהייט אויף די הצלחה פון זיין ארבעט, האט ער באשלאסן צו צו גיין צום קומענדיגן פראיעקט, אויפשטעלן א דריי שטאקיגע געביידע, געווידמעט פאר די חינוך און וואוילזיין פון די פארלאזטע יתומים.

דורכאויס דעם בוי' ארבעט איז געשטאנען פאר אים די געשטאלט פון שפרה'לע, זיין יתומה וואס איז ערגעץ וואו פארלאזט. נאר ער האט געוואוסט, וויפיל מי' ער האט געמאכט איר צו געפינען, וויפיל תפילות ער האט פארגאסן, וויפיל בריוון ער האט געשריבן, וויפיל מודעות ער האט פארשפרייט אין די דארטיגער צייטונגען, צי וויפיל קאנסול-לייט האט ער זיך געוואנדן, אבער דער אייזערנער פארהאנג איז געווען פארמאכט, און האט נישט ארויסגעגעבן אפילו א קליינער רמז.

זינט דעמאלטס זענען דורכגעגאנגען פיל יארן. אסאך הונדערטער תלמידים זענען דורכגעגאנגען דורך די ווענט פון די ערליכע מוסדות וואס ער האט געגרינדערט, אסאך פון זיי האט ער באגלייט מיט א איבערגעגעבנקייט ביז זייער חתונה. אינצווישן איז דער אייזערנער פארהאנג צוזאמגעפאלן און די טויערן פונעם סאוויעטען פארבאנד האבן זיך ברייט געעפנט. א פינק פון האפענונג האט אנגעהויבן ברענען אין ר' דוד'ס הארץ, אבער עס האט אים געדויערט נאך עטליכע יאר ביז ער האט זיך אויפגעשטעלט און געטון צו דער זאך.

אין עלטער פון אכציג יאר, נאכדעם וואס ער האט איבערגעגעבן פאר זיין זון צו פירן די מוסדות, האט דער עלטערער ר' דוד געמאלדן פאר זיין פאמיליע, אז ער איז גרייט צו פארן צום ארט וואו ער האט דאס לעצטע מאל געזען זיין טאכטער, צום שטאט טשערנאוויץ, וואס נאכן צוזאמפאלן פונעם סאוויעטען פארבאנד, איז געווען אונטער די אומאפהעניגע אוקריינישע הערשאפט.

ר' דוד האט אנגעהויבן זיין נסיעה אין אוקריינא מיט א תפילה ביים קבר פונעם צדיק רבי נחמן מברסלב. ער האט דארט פארגאסן טייכן טרערן, בעטנדיג פונעם באשעפער ער זאל מצליח זיין אין זיין וועג. נאך פילע שוועריקייטן איז ער אנגעקומען אין טשערנאוויץ, ער איז איבערראשט געווען צו אנטדעקן אז פון די ערליכע אידישע קהילה וואס איז געווען אין שטאט ביז דער מלחמה איז כמעט נישט געבליבן קיין שפור.

איינער פון די דארטיגע איינוואוינער וואס האט געהערט וואס ער זוכט, האט אים צוגעפירט צו א ווייטע שטעטל וואו דארט האבן געוואוינט עטליכע אידן אפשטאמיגע פון טשערנאוויץ, ר' דוד איז געפארן לויט די באפעלן וואס ער האט באקומען, און ווען ער איז אנגעקומען האט ער קוים געטראפן די ביסל אידן וואס האבן דארט געוואוינט. ער האט געזאמלט ברעקלעך אינפארמאציע, און צוביסלעך איז אים געלונגען צו גיין באזוכן ביי אלע אידישע איינוואוינער, אבער ער האט זיך צוריק געקערט מיט ליידיגע הענט.

ר' דוד איז אריין אין דעם לעצטען אידישן הויז אויף דער ליסטע ווען זיינע ליפן האבן נישט אויפגעהערט צו בעטן א תפילה און דאס הארץ איז פול מיט האפענונג, אבער אויך דאס מאל האט די הצלחה אים נישט געשיינט. דער בעל הבית האט געהערט וואס ער וויל, און אים גלייכגילטיג געענטפערט: "שפרה כהן?! איך ווייס נישט! דעם נאמען האב איך קיינמאל נישט געהערט!". אנטוישט און צובראכן האט ר' דוד זיך אויסגעדרייט אוועק צו גיין פון דער הויז, אבער דאן האט ער מיטאמאל געהערט אונטער זיך א שטימע: "דו ביסט דוד כהן?" - האט די שטימע געפרעגט, ר' דוד האט זיך אויסגעדרייט און באמערקט אז א עלטערע פרוי קומט ארויס נאך אים פון שטוב.

- יא! - האט ער געענטפערט מיט א פארוואונדערטער שטימע.

"איך האב געוואוסט, אז דו וועסט קומען", האט געזאגט די עלטערע פרוי, "איך בין דיין שוועגערין, דיין ווייב'ס שוועסטער, דו זוכסט זיכער שפרה'לע...". ר' דוד האט נישט געענטפערט, נאר אראפגעפאלן פאר'חלש'ט.

ערשט נאכדעם וואס ער איז צוריק געקומען צו זיך, האט ער געקענט הערן די ווייטערדיגע ווערטער פון די עלטערע פרוי: "שפרה'לע האט מיט יארן צוריק חתונה געהאט מיט א איד, און זי וואוינט אין דעם דערבייענדיגן שטאט".

די ווערטער זענען ארעם צו שילדערן די מאמענטן פון דער באגעגעניש צווישן א פאטער און זיין טאכטער נאך העכער פופציג יא זיך נישט זען. ר' דוד'ס תפילות זענען אנגענומען געווארן, און ער האט זוכה געווען צוריק פאראייניגט ווערן מיט זיין איינציגע טאכטער און איר אידישע פאמיליע, מיט וועלכע ער האט נישט אויפגעהערט צו האלטן קאנטאקט ביז זיין לעצטן טאג.

'עלה לתרופה' תצוה תשפ"ב

# ברכו אמוני

א דערהויבענער בליק אויף די סדר הברכות

## די ברכה 'על אכילת מצה'

### די מצוה און די ברכה

פון דער פסוק וואס באפעלט עסן דעם קרבן פסח "על מצות ומרורים" (במדבר ט יא) זעט אויס לכאורה אז עסן מצה ביים סדר-נאכט איז א מצוה נאר אין די צייט וואס מען איז מקריב א קרבן פסח, דעריבער שרייבט די תורה א עקסטערע פסוק (שמות יב יח): "בערב תאכלו מצות" אונז צו לערנען אז די מצוה פון עסן מצה איז אויך בזמן הזה, ווען מען עסט מצה אליין (פסחים קכ א).

אזוי ווי אויף אסאך מצוות 'עשה', אויך פארן מקיים זיין די מצוה פון אכילת מצה האבן די חכמים מתקן געווען צו זאגן א 'ברכת המצוה'.

אויך די וואס האלטן אז אויסער דער **חיוב** צו עסן מצה ביים סדר-נאכט, דער וואס עסט מצה אלע זיבן טעג פון יו"ט איז מקיים א מצוה (שו"ת 'חתם סופר' יו"ד קצא בדעת החזקוני שמות יב יח; 'משנה ברורה' תעה מה בשם הגר"א), פון דעסוועגן זאגט מען נישט קיין ברכת המצוה אויף עסן מצה אלע זיבן טעג, ווייל מען זאגט נישט א ברכה אויף א מצוה וואס איז נישט קיין חובה (שו"ת 'חתם סופר' שם).

### די צייט פון זאגן די ברכה

פארן עסן מצה, אזוי ווי פאר יעדע אכילה, דארף מען זאגן א ברכת הנהנין. קומט אויס אז דער וואס עסט מצה פסח ביינאכט זאגט פארן עסן צוויי ברכות; די ברכה 'המוציא' און די ברכה 'על אכילת מצה'. די ברכה 'המוציא' זאגט מען פריער פון די ברכה 'על אכילת מצה' ווייל עס איז מער שכיח, און מיר האבן א כלל (ברכות נא ב): "תדיר ושאינו תדיר - תדיר קודם" ('אור זרוע' פסחים רנו; שו"ע או"ח תעה א).

ווען דער בעל הבית קומט עסן די מצה האט ער פאר זיך דריי מצות. די אויבערשטע און די אונטערשטע זענען גאנץ, און די מיטלסטע איז צובראכן. די ברכה 'המוציא' און די ברכה 'על אכילת מצה' ווערן נישט געזאגט אויף די זעלבע מצה, נאר איינע פון זיי איז אויף די אויבערשטע מצה וואס איז גאנץ, און די צווייטע איז אויף די מיטלסטע צובראכענע. די ראשונים קריגן זיך וואספארא ברכה גייט ארויף אויף וועלכע מצה, וועגן דעם ווען מען זאגט די צוויי ברכות דארץ מען אנהאלטן אין די הענט סיי די אויבערשטע מצה און סיי די מיטלסטע מצה (שו"ע שם; 'ביאור הלכה שם).

באלד נאכן זאגן די צוויי ברכות, דארף מען עסן צוזאמען פון די אויבערשטע און אויך פון די מיטלסטע מצה, עס זאל נישט זיין א הפסק צווישן די ברכה 'על אכילת מצה' און עסן די מצת מצוה, און צווישן די ברכה 'המוציא' און עסן די מצה 'המוציא' (שו"ע שם; 'משנה ברורה' שם ח).

עס זענען דא ראשונים וואס האלטן אז מען איז נישט מקיים די מצוה פון אכילת מצה, מיט די מצה וואס ווערט געגעסן אנהויב די סעודה, נאר מיט די אפיקומן וואס מען עסט אין ענדע פון די סעודה (רש"י ורשב"ם פסחים קיט ב ד"ה אין מפטירין). לויט די שיטה דארף מען אינזין האבן בשעת די ברכה אויף די 'אפיקומן' וואס דעמאלטס איז מען מקיים די מצוה ('שער הציון' תעז ד).

### דער נוסח הברכה

די ראשונים קריגן זיך וואס איז דער נוסח הברכה וואס מען זאגט אויף די מצוה פון עסן מצה: דער רמב"ן (פסחים ז א) האלט אז דער נוסח הברכה איז "אשר קדשנו במצוותיו וציונו לאכול מצה", ווייל יעדע מצוה וואס מען קען נישט מקיים זיין דורך א שליח זאגט מען מיט א "ל...", און אויך די מצוה פון אכילת מצה קען מען נישט מקיים זיין דורך א שליח.

אבער דער רמב"ם (חמץ ומצה ח ח) האלט אז דער נוסח הברכה איז "על אכילת מצה", און אזוי איז די הלכה (שו"ע או"ח תעה א). דער 'חק יעקב' (או"ח תלב ב) ערקלערט אז וועגן דעם זאגט מען די ברכה אויף די מצוה מיט א לשון "על", ווייל אזוי איז דער לשון הפסוק וואס רעדט וועגן דער חיוב פון אכילת מצה: "על מצות ומרורים יאכלהו".

דער רמב"ם שרייבט (שם ו, ע"פ 'מגיד משנה' שם) אז בזמן שבית המקדש היה קיים און מען האט געגעסן פסח מצה און מרור צוזאמען, פלעגט מען זאגן איין ברכה אויף אכילת מצה און מרור, און אזוי האט מען געזאגט: "אשר קדשנו במצוותיו וציונו על אכילת מצות ומרורים".

אין א הגדה פון זמן הבית וואס איז אנטפלעקט געווארן אין די גניזה פון קהיר, ווערט געברענגט דער נוסח הברכה וואס איז כולל אין זיך אויך א הודאה אויף די ניסים: "ברוך אתה ה' אלוקינו מלך העולם אשר קדשנו במצוותיו וציונו על אכילת מצה ומרור בלילה הזה, להזכיר גבורותו של מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא שעשה ניסים לאבותינו בזמן הזה, בעבור אברהם יצחק ויעקב, ברוך אתה ה' זוכר הברית" ('הלילה הזה' עמ' עו).

### שטיין בשעת'ן זאגן די ברכה

דער 'בית יוסף' (או"ח סי' ח) ברענגט א ירושלמי (מיר טרעפן עס נישט אין ירושלמי) אז אלע ברכות המצוות דארף מען זאגן שטייענדיג. און די פוסקים קריגן זיך ארום אין דעם. עס זענען דא וואס האלטן אז מען דארף טאקע זאגן אלע ברכות המצוות שטייענדיג ('מגן אברהם' שם ב; 'משנה ברורה' שם ב). אבער עס זענען דא וואס קריגן און האלטן אז נאר א מצוה וואס מען איז מקיים שטייענדיג דארף מען זאגן שטייענדיג, אבער א מצוה וואס מען איז מקיים זיצנדיג קען מען זאגן די ברכה זיצנדיג, ווייל די דין פון די ברכה אזוי ווי די דין פון די מצוה ('פני יהושע' מגילה כא ב; 'ערוך השולחן שם ג).

אויך די וואס האלטן אז אלע ברכות המצוות דארף מען זאגן שטייענדיג, פון דעסוועגן די ברכה 'על אכילת מצה' זאגט מען זיצנדיג, ווייל אלע האלטן אז א מצוה וואס האט אין זיך אויך הנאת הגוף, איז עס אזוי ווי ברכות הנהנין וואס ווערן געזאגט זיצנדיג ('פרי מגדים' שם א"א ב; פתיחה להלכות ברכות אות יח).

### די כוונה פון אמן

עס איז אמת אז הקבּ"ה האט אונז געהייליגט מיט זיינע מצוות און אונז באפוילן עסן מצה אין די נאכט פון ט"ו ניסן.

# אוצר הברכות

## מאה ברכות אין די פרשה

**"זֹאת תִּהְיֶה תּוֹרַת הַמְּצֹרָע בְּיוֹם טָהֳרָתוֹ וְהוּבָא אֶל הַכֹּהֵן" (יד ב)**

אין זוהר הקדוש אין אונזער פרשה (נד ב) איז מבואר אז יעדע ווארט פון דאווענען וואס גייט ארויס פון די מויל פון דער מענטש גייט ארויף אויבן און שפאלט הימלען, און דארט קוקט מען זיי איבער; די וואס זענען ראוי, גייען אריין צו הקבּ"ה און זיי ווערן אנגענומען, און די וואס זענען נישט ראוי גייען נישט אריין.

ראש ישיבת 'פורת יוסף' **רבי יהודה צדקה** פלעגט זאגן אז די ווערטער פון זוהר קענען אונז קלאר מאכן די וויכטיגקייט און זהירות אין די 'מאה ברכות' וואס ווערן געזאגט דורך אונזער מויל יעדן טאג, ווייל נישט איינמאל זאגט ארויס דער מענטש די ברכה אן קיין כוונה - אזאך וואס קען זיך טרעפן אויך צווישן די בני תורה וואס זאגן א ברכה ווען זייער מח איז פארטון אין א סוגיא וואס זיי לערנען.

## איין ברכה פון טויזענט

בשעת'ן זאגן א ברכה דארפן מיר געדענקען די ווערטער פון זוהר אז די ברכות וואס גייען ארויס פון אונזער מויל גייען אריבער א ערנסטער סארטירונג, און אכטונג געבן מיר זאלן נישט חלילה ארויף גיין אין הימל ווען א גרויסע לאסט פון מיליאנען אמן'ס באגלייטן אונז, ווען אין אמת'ן נאר ווייניג ברכות פון זיי וועלן גערעכנט ווערן פאר אונזער זכות - די וואס זענען געזאגט געווארן ווי עס דארף צו זיין און מיט כוונה.

'קול יהודה' ימים נוראים

"וכאשר תקום מן הספר, תחפש באשר למדת אם יש בו דבר אשר תוכל לקיימו".

## מאוצרות אמונים

### ענטפערן אמן נאך ברכות השחר

### זאגן ברכות השחר אין שול

דער 'יסוד ושורש העבודה' שרייבט (שער האשמורת פרק י): "ברכות השחר... איז גוט מען זאל זיי מסדר זיין אין שול מיט די איבריגע דאווענען, כדי אנדערע זאלן ענטפערן אמן נאך זיינע ברכות, ווייל די מעלה פון א ברכה וואס מען ענטפערט אויף דעם אמן איז זייער גרויס".

אויך האדמו"ר רבי צבי הירש פון זידיטשוב בעל 'עטרת צבי' שרייבט אז עס איז פאסיג צו זאגן די ברכות השחר אין שול, ווייל אזוי קען יעדער זאגן די ברכות פאר זיין פריינד וואס וועט משלים זיין זיינע ברכות דורך ענטפערן אמן, ווייל "א ברכה אן אמן איז א פלג גופא" ('פרי קודש הילולים' שער הברכות פ"ד).

### דער מנהג פון 'בעל שם טוב'

האדמו"ר רבי אליעזר צבי פון קאמארנא שרייבט (הקדמת 'אור עיניים' ח"ב כלל כא) אז יעדער איד, איבערהויפט ווער עס איז א "בעל נפש יקרה" זאל זאגן די 'ברכות השחר' אין שול, כדי מזכה זיין די אידן מיט ענטפערן אמן. און לייגט צו אז דער בעש"ט הק' האט זיך אויך אזוי געפירט.

### 'בטלן' איז גימטריה 'אמן'

עס איז באקאנט די תקנה פון די חכמים (מגילה ג ב) אז אין יעדע שטאט דארפן זיך געפונען צען 'בטלנין' - מענטשן וואס ארבעטן נישט, און זענען שטענדיג אין שול. אין מסכת ברכות (ו ב) ווערט געברענגט די סיבה פון דעם: "בשעה שהקדוש ברוך הוא בא בבית הכנסת ולא מצא בה עשרה, מיד הוא כועס..."

רבי צבי הירש הורוויץ, דער פראנקפורטער רב און זון פון בעל ה'הפלאה' שרייבט, אז דער תפקיד פון אט די 'עשרה בטלנין' איז נישט נאר עוסק זיין אין תורה און תפילה, נאר אויך ענטפערן 'אמן' נאך די וואס זאגן ברכות אין שול. און דער סימן אויף דעם: 'בטלן' איז גימטריה 'אמן' ('לחמי תודה' תוכחה יום א' דסליחות).

## אגרות אמונים

### א בריוו פון א געטרייער לייענער

**לכבוד די חברי מערכת פון דער גליון 'וכל מאמינים'**

שלום וברכה מאלוקי המערכה,

איך בין לעצטנ'ס געווען אויף שבת קודש אין די שול פון הגה"צ רבי ישראל זושא הלוי הורוויץ שליט"א, רב אב"ד קהילות החסידים - אלעד, און איך האב דארט געזען א וואונדערבארער מנהג צו מחזק זיין דאס זאגן ברכות און ענטפערן אמן אויף זיי, ווען ביי סעודה שלישית זאגט יעדער די ברכה 'הגפן' הויעך אויפן קול יעדער אין זיין רייע, און אלע ענטפערן אמן נאך אים. אזוי אין לויף פון א פערטל שעה האבן די באטייליגטע זוכה געווען אין אסאך אמן'ס. איך האב געטראכט אז דער מנהג איז א וואונדערבארער געדאנק וואס איז ראוי צו פארשפרייטן כדי אז נאך פלעצער זאלן זוכה זיין זיך אזוי פירן, און למעשה קען מען אזוי טון ביי יעדע געלעגנהייט וואס א ציבור אדער א פאמיליע נעמט זיך צוזאם, און אזוי וועט מען גרינגערהייט פארדינען אסאך אמן'ס.

מיט א ברכת כהנים באהבה
**גמליאל הכהן ראבינאוויטש**
מח"ס 'גם אני אודך'
און 'פרדס יוסף החדש על המועדים'.

מען קען שיקן בריוון צו די פאקס: 08-9746102
אדער צו די אימייל אדרעס 9139191@gmail.com

## צדיק באמונתו

### אמן און ברכות אין די ווערטער פונעם בעל הילולא



די קבר פון של"ה הק' אין טבריה

### דער 'של"ה' הקדוש
### י"א ניסן ש"ץ

רבי ישעיה הלוי הורוויץ איז געבוירן געווארן אין שטאט פראג אין יאר ש"ח. אין זיינע יונגע יארן האט ער געלערנט תורה ביי רבי שלמה פון קראקא וואס ווערט אנגערופן דער 'צווייטער מהרש"ל', און ביי דער מהר"ם מלובלין און בעל הסמ"ע. ארום צוואנציג יאר האט ער געדינט אלס רב אין חשובע קהילות אין אייראפע, און אין יאר שע"ה האט ער זיך צוריק געקערט קיין פראג זיין היימשטאט, און דארט אנגעהויבן דינען אלס רב. אין די ערשטע יארן האט ער געדינט אלס רב צוזאמען מיטן 'כלי יקר', און ווען דער 'כלי יקר' איז נפטר געווארן אין יאר שע"ט, האט ער געדינט אלס איינציגסטער רב פון דער פראג'ער קהילה.

אין יאר שפ"א האט דער של"ה הק' פארלאזט פראג, און איז ארויף קיין ירושלים, וואו ער איז אויפגענומען געווארן אלס אב"ד פון דער אשכנזישער קהילה אין שטאט. אין ירושלים האט ער פארענדיגט שרייבן זיין באקאנטע ספר 'שני לוחות הברית'. צוליב שווועריקייטן פון דעם טערקישן מושל, איז ער אנטלאפן קיין טבריה, דארט איז ער נפטר געווארן י"א ניסן אין יאר ש"ץ. מען האט אים געברענגט לקבורה אין טבריה, נאנט צו דעם ציון פון רבן יוחנן בן זכאי, אין חצר פון דעם רמב"ם'ס קבר.

### יסוד כל העולמות

אין זיין ספר 'שני לוחות הברית' (מסכת תמיד פ-פג) איז ער מאריך צו שילדערן די געוואלדיגע מעלה פון די מצוה פון ענטפערן אמן, און די סאך שפע וואס קומט אראפ ווייל מען איז מקפיד עס מקיים זיין. פאלגענד זענען מורא'דיגע ווערטער וואס דער של"ה שרייבט אין דער ענין (שם פ): "כי העליונים והתחתונים בכלל, תלויים במילת אמן, והיא עיקר ושורש ויסוד מוסד לכל העולמות כולם".

### 'אין חקר לגדולתה...'

אויף די גרויסע מעלה פון ענטפערן אמן שרייבט אזוי דער של"ה הק' (שם פא): "דער לשון וואס מיר טרעפן שטענדיג אין די פוסקים און אין די ספרי המקובלים: 'גדול העונה יותר מן המברך' [זיין כוונה איז: כאטש אין מסכת ברכות נג ב, טרעפן מיר אז עס זענען דא חולקים אויף דעם כלל און האלטן אז דער מברך איז גדול מן העונה, דאך אבער אין די פוסקים און אין די ספרי המקובלים כאפן זיי אן אזוי ווי דער וואס האלט אז דער עונה אמן איז גדול מן המברך]. אזוי איז טאקע דער אמת, אז א אמן איז גרויס אלס זיך אליין, און האט נישט קיין שאצונג..." (שם פא).

### דער וואס ענטפערט אמן ברענגט אסאך שפע

נאך שרייבט דער של"ה הק' (שם) איבער די גרויסע מעלה פון ענטפערן אמן, און אזוי שרייבט ער: "דער וואס לייגט צו קאפ צו יעדע ברכה וואס קומט ארויס פון די מויל פון מברך און ענטפערט אמן בכוונה אזוי ווי דער דין איז, איז גורם 'למהלל קדושה הרבה מאוד', און א שפע פון רב טוב אין אלע עולמות, ווייל ער עפנט דער מקור העליון מקור מים חיים, אזוי ווי ער עפנט דער קוואל אנצוטרינקען אלעס וואס מען דארף אנטרינקען, און דער קול צושפרייט זיך אין הימל, און טוט מעלדן אז די גאנצע גוט'ס און פרייד האט דער קנעכט פונעם הייליגן קעניג גורם געווען".